# ביופּרענאָרפּין צו באהאנדלען אָפּיויד באנוץ קראנקהייט:

## אינפארמאציע פאר פאציענטן און פאמיליעס

NYC Health

ביופּרענאָרפין (גערופן אין קורצן ”ביופּ“ אדער מיט ברענד נעימס ווי Suboxone און Zubsolv) איז א מעדיצין וואס ווערט גענוצט צו באהאנדלען אפּיויד באנוץ קראנקהייט (opioid use disorder, OUD). OUD איז א כראנישע געזונטהייט פראבלעם ווען א מענטש האט א פראבלעמאטישע נייגונג צו נוצן אפּיויד (צום ביישפּיל נוצן העראָואין, פענטאניל אדער ווייטאג מעדיצינען וואס דארפן א פּרעסקריפּשען) וואס פירט צו ערנסטע געזונטהייט און וואוילזיין פראבלעמען. ביופּ ווערט גענוצט שוין פאר מער פון 20 יאר צו באהאנדלען OUD, עס איז זיכער פאר לאנג-טערמיניגע באנוץ און באשיצט פון אן אפּיויד אָווערדאָוז.

לייענט די ביכל צו לערנען איבער:

- די אל"ף בי"ת פון ביופּ (אריינרעכענענדיג די בענעפיטן דערפון און וויאזוי עס ארבעט)
- וויאזוי צו פארמיידן אן אָווערדאָוז
- אפט-געפרעגטע פראגן איבער ביופּ
- וויאזוי צו באקומען ביופּ
- וויאזוי צו רעדן מיט א העלט קעיר פּראָוויידער איבער ביופּ
- אייערע רעכטן בשעת'ן נעמען ביופּ

# די אל"ף בי"ת פון ביופּ

ביופּ ווערט געוועגטליך פאַרשריבן אלס א טעגליכע פּיל אדער א שטיקל "גאָם" וואס מען לייגט אריין זיך צו צולאזן אונטער די צונג. עס קען אויך געגעבן ווערן אלס א וועכנטליכע אדער חודש'ליכע איינשפּריץ.

רוב ביופּ מעדיצינען וואס זענען געמאכט צו נעמען פון די מויל אנטהאלטן אויך נעילאַקסאָן, א מעדיצין וואס דרייט צוריק די ווירקונגען פון אן אפּיויד אָווערדאָז ווען עס ווערט איינגעשפּריצט אדער גענוצט אלס א ספּרעי אריין אין די נאז. נעילאַקסאָן האט נישט קיין שום השפעה ווען עס ווערט גענומען פון די מויל, און עס ווערט נאר ארייגעלייגט אין ביופּ צו אנטמוטיגן מענטשן פון נעמען ביופּ אין וועגן נישט פון די מויל ווי פאַרשריבן.

## בענעפיטן פון ביופּ

די בענעפיטן פון ביופּ רעכענען אריין:

- עס רעדוצירט די סכנה פון אן אפּיויד אָווערדאָז
- עס פאַרגרינגערט סימפּטאמען און גלוסטענישן וואס געשעהען ווען די קערפּער באקומט נישט דראגס צו וועלכע עס איז צוגעוואוינט
- עס העלפט שטיצן די אלגעמיינע געזונטהייט
- עס קען גענומען ווערן באקוועמערהייט אינדערהיים (אין רוב פעלער)

## וויאזוי ביופּ ארבעט

ביופּ איז א מאטעריאל וואס וועקט טיילווייז אויף די זעלבע חלק פון די מוח וואס וועקט זיך אויף פון אפּיוידס, דאס הייסט אז עס ארבעט אזוי ווי אנדערע אפּיוידס אבער אויף א מילדערע פאַרנעם. פאַר מענטשן וועמען'ס קערפּער איז צוגעוואוינט צו אפּיוידס, גיבט ביופּ פאַרלייכטערונג פון סימפּטאמען און גלוסטענישן וואס געשעהען ווען די קערפּער הערט אויף באקומען אפּיוידס, אן זיי מאכן "הויעך" (הייי).

ביופּ האט א "דאך עפעקט". דאס הייסט אז נאכן נעמען א געוויסע מאס דערפון, וועט דאס נעמען מער ביופּ נישט מאכן "הויעך" אדער מאכן אטעמען שטייטער אדער וויניגער טיף. דאס מאכט די סכנה פון האבן אן אָווערדאָז פון ביופּ פיל נידעריגער אין פאַרגלייך צו אנדערע אפּיוידס.

# וויאזוי צו פארמיידן אַן אָווערדאָז

אָווערדאָוזעס פון ביוּפ זענען זעלטן. זיי געשעהען געווענטליך צו מענטשן וועמען'ס קערפערס זענען נישט צו גוט – אדער בכלל נישט – צוגעוואוינט צו אפּיוידס אדער וועלכע האבן גענוצט עטליכע דראגס וואס פארשטייטערן די אטעם ("דיפּרעסענטס"). כדי צו נאך מער פארקלענערן אייער סכנה פון אָווערדאָז בשעת'ן נעמען ביוּפ, זאלט איר זיך צוריקהאלטן פון נוצן דיפּרעסענטס ווי אלקאהאל און סעדאטיוויס און טרענקווילייזערס (אנדערע איינשלעפנדע דראגס).

אייער סכנה פון אָווערדאָז גייט ארויף אויב איר הערט אויף נעמען ביוּפ און איר גייט צוריק צו נוצן סיי וועלכע אפּיוידס אדער דראגס פון די אומרעגולירטע דראג מארקעט, ווי פענטאניל. פענטאניל איז א מאכטפולע אפּיויד וואס ווערט אפט געפונען אין דראגס וואס ווערן פארקויפט אלס הערָאוין. עס איז אויך שוין געפונען געווארן אין אנדערע מאטעריאלן וואס זענען נישט קיין אפּיוידס, ווי צום ביישפיל פוידער און 'קרעק' קאָוקעין, מעטאמפעטאמין און פילן פון נישט-מעדיצינישע מקורות.

כדי צו פארקלענערן אייער סכנה פון אָווערדאָז אין אלגעמיין:

- טעסט אייערע דראגס מיט פענטאניל טעסט סטריפּס.
- האלט זיך צוריק פון נוצן מער פון איין דראג אויף א מאל.
- האלט זיך צוריק פון נוצן דראגס אליין, אדער האט איינעם וואס האט נעילאַקסאָון מיט זיך דערנעבן.

צו לערנען וויאזוי צו נוצן נעילאַקסאָון און באקומען אן אומזיסטע נעילאַקסאָון קיט, באזוכט **nyc.gov/naloxone** אדער רופט **311**.

# אפט-געפרעגטע פראגן איבער ביופּ

## איז ביופּ ריכטיג פאר מיך?

כאטש עס עקזיסטירט נישט איין איינציגע באהאנדלונג וואס איז ריכטיג פאר יעדן איינעם, דאך זעהען פילע מענטשן אז ביופּ העלפט זיי פארלייכטערן זייערע סימפטאמען און גלוסטענישן ביים אויפהערן נעמען דראגס. רעדט מיט אייער העלט קעיר פּראָווײדער איבער אויב ביופּ איז א גוטע אפציע פאר אייך.

## וואס זענען אפטע זייטיגע ווירקונגען (סייד עפעקטס) פון ביופּ?

זייטיגע ווירקונגען (סייד עפעקטס) זענען געווענטליך מילד און קענען אריינרעכענען א פארשטאפּטע בויך (קאנסטיפּעישען), איבל, קאפ ווייטאג און שוועריגקייטן צו איינשלאפן אדער צו בלייבן שלאפן.

## פאר ווי לאנג דארף איך נעמען ביופּ?

איר זאלט נעמען ביופּ פאר אזוי לאנג וואס עס העלפט אייך נאכקומען אייערע ציהלן, און דאס קענען מיינען יארן און אפילו אייער גאנצע לעבן. פארשונג ווייזט אז מענטשן וואס נעמען ביופּ פאר לענגערע צייט אפשניטן זעהען בעסערע תוצאות.

## איז קאונסעלינג אדער טעראפּי פארלאנגט צו נעמען ביופּ?

ניין, אבער פילע מענטשן בענעפיטירן פון קאונסעלינג אדער טעראפּי בשעת'ן נעמען ביופּ.

## וועל איך באקומען סימפטאמען וואס געשעהען ווען די קערפער הערט אויף באקומען א דראג צו וועלכע עס איז צוגעוואוינט אויב איך הויב אן נעמען ביופּ?

בעפארן אנהויבן נעמען ביופּ, וועט איר דארפן אויפהערן נוצן אנדערע אפּיוידס פאר גענוג לאנג, ביז איר הויבט אן באקומען מילדע ביז מעסיגע סימפטאמען וואס געשעהען ביים אויפהערן נעמען דראגס. ביופּ וועט העלפן פארלייכטערן די סימפטאמען. ווי לאנג עס נעמט צו אנקומען צו די שטאפל פון מילדע ביז מעסיגע סימפטאמען וואס געשעהען ביים אויפהערן נעמען דראגס ווענדט זיך אויף זאכן ווי די סארט אפּיוידס וואס איר האט גענוצט און ווען איר האט זיי גענוצט דאס לעצטע מאל.

רעדט צו אייער העלט קעיר פּראָווײַדער איבער ווען און וואו איז דאס בעסטע צו נעמען אייער ערשטע דאזע פון ביופּ. נעמען ביופּ צו שנעל נאכן נעמען אן אנדערע אפּיויד קען פאראורזאכן פלוצלינגדיגע און אינטענסיווע סימפטאמען וואס געשעהען ביים אויפהערן נעמען אפּיוידס. אזעלכע פלוצלינגדיגע סימפטאמען פון ביופּ זענען גאר זעלטן און קענען פארמיטן ווערן מיט די ריכטיגע דאזע און דורכן נעמען ביופּ פונקטליך ווי פארשריבן.

מענטשן וועלכע האבן גענוצט דראגס וואס אנטהאלטן זיילעזין, צי ווילנדיג אדער אומווילנדיג, קענען באקומען סימפטאמען וואס געשעהען ווען די קערפער באקומט נישט זיילעזין נאכן זיך צוגעוואוינען דערצו. זיילעזין איז נישט אן אפּיויד, און דערפאר וועט ביופּ נישט העלפן מיט די סימפטאמען.

## איז ביופּ געדעקט דורך העלט אינשורענס?

יא. Medicaid, Medicare און רוב אנדערע העלט אינשורענס פלענער באצאלן פאר ביופּ. פרעגט אן ביי אייער העלט אינשורענס פלאן צו זיכער מאכן אז ביופּ איז אויף די ליסטע פון באשטעטיגטע מעדיצינען. בראנד נעימס וואס ווערן אפט גענוצט פאר ביופּ זענען Suboxone און Zubsolv.
אויב אייער אינשורענס פארלאנגט אייך צו באצאלן א קאָופּעי (א חלק פון די פרייז פון אייער טאש), קענט איר זיין בארעכטיגט פאר מעניופעקטשורער קופּאנס, דיסקאונט קארטלעך אדער פאציענט הילף פראגראמען.

## וואס זענען אנדערע מעדיצינען צו באהאנדלען OUD?

ביופּ און מעטאדאָן זענען די מערסטע ווירקזאמע באהאנדלונגען פאר OUD. זיי זענען די אייציגסטע מעדיצינען וואס זענען אויפגעוויזן געווארן צו פארקלענערן די סכנה פון א פאטאלע אָווערדאָוז. נעלטרעקסאָן אין א פארעם וואס ווערט געגעבן אין אן איינשפריץ וואס פארשפּרייט זיך שטייטערהייט אין די קערפער איז נאך אן אפציע צו באהאנדלען OUD, אבער עס איז נישט געוויזן געווארן צו פארקלענערן די סכנה פון אן אָווערדאָוז. רעדט צו אייער העלט קעיר פּראָווײַדער איבער די סכנות און בענעפיטן צו העלפן באשליסן וועלכע איז דאס בעסטע פאר אייך.

# וויאזוי צו באקומען ביהילף

עס זענען דא פילע וועגן וויאזוי מענטשן קענען באקומען ביהילף אין NYC:

- רעדט צו אייער **העלט קעיר פראָוויידער**, אזוי ווי פילע דאקטוירים, נוירס פרעקטישענערס, דאקטאר געהילפן און פסיכיאטארן פארשרייבן ביהילף, אדער קענען זיי אייך שיקן צו אן אנדערע פראָוויידער וואס פארשרייבט דאס.
  - פאר הילף צו טרעפן א פראָוויידער, רופט **311** אדער 844-692-4692.
  - פאר הילף מיטן טרעפן ביהילף באהאנדלונג און OUD-פארבינדענע קעיר מענעדזשמענט אין פאמיליע מעדיצין פלעצער, באזוכט **nyc.gov/health/map**, דרוקט אויף **"Drug and Alcohol Services"** (דראג און אלקאהאל סערוויסעס) און וועהלט אויס **"Buprenorphine Treatment (With Nurse Care Manager)"** ((ביופרענאָרפין באהאנדלונג (מיט נוירס קעיר מענעדזשער)).
  - פארבינדט זיך מיט **NYC Health + Hospitals Virtual ExpressCare** אויף 631-397-2273, 24 שעה א טאג, 7 טעג א וואך, אדער באזוכט **expresscare.nyc**.
- גייט צו א **סירינדזש סערוויס פראגראם** פאר אויפן-ארטיגע אדער 'טעלע-העלט' (פונדערווייטנס) באהאנדלונג אדער צו ווייטער געשיקט ווערן צו א ביהילף פראָוויידער.
  - באזוכט **nyc.gov/health** און זוכט פאר **"syringe service programs"** (סירינדזש סערוויס פראגראמען).
- גייט צו א **ניו יארק סטעיט-לייסענסירטע באהאנדלונג פראגראם** אויף **findaddictiontreatment.ny.gov**.
- גייט צו אן **עמערדזשענסי רום** אויב איר דארפט עמערדזשענסי האבן ביהילף.
- פארבינדט זיך מיט **988** פאר דראג באנוץ שטיצע, און צו געשיקט ווערן פאר ווייטערע קעיר.
  - רופט אדער טעקסט 988 אדער שיקט א מעסעדזש אויף **nyc.gov/988**.

# וויאזוי צו רעדן מיט א העלט קעיר פּראָווייידער איבער ביופּ

## בעפאר אייער ערשטע אפּוינטמענט

ווען איר זוכט א פּראָווייידער וואס אפפערט ביופּ, קענט איר זיך פארבינדן מיט זיי פון פאראויס צו אנפרעגן איבער זייערע סערוויסעס. איר דארפט נישט מיטטיילן אייער נאמען אדער סיי וועלכע פערזענליכע אינפארמאציע דורכאויס די ערשטע טעלעפאן רוף. דערמאנט אז איר באטראכט באהאנדלונג אפציעס פאר OUD און זאגט אז איר ווילט רעדן צו איינעם וואס קען דאס בעסטע ענטפערן די פראגן כדי אייך צו העלפן באשליסן אויב איר ווילט אנהויבן באהאנדלונג ביי דעם פּראָווייידער:

- צי אפפערט איר ביופּ אדער סיי וועלכע אנדערע מעדיצינען פאר אפּיויד באנוץ קראנקהייט?
- צי זענען דא סיי וועלכע פאדערונגען צו קענען אנהויבן ביופּ?
- צי נעמט איר אן מיין העלט אינשורענס?
- וויאזוי ארבעט איר מיט מענטשן וואס האבן נישט קיין העלט אינשורענס?
- וועלכע דאקומענטן אדער אידענטיפיקאציע דארף איך ברענגען צו מיין ערשטע אפּוינטמענט?
- ווי שנעל נאך מיין ערשטע אפּוינטמענט קען איך ערווארטן צו אנהויבן ביופּ?
- וועלכע פארמאסי קאארדינאציע סערוויסעס אפפערט איר?
- וועלכע אנדערע סערוויסעס אפפערט איר?

## דורכאויס אייער ערשטע אפּוינטמענט

די פראצעדור צו אנהויבן ביופּ קען זיך טוישן געוואנדן אויף דעם פּראָווייידער. דורכאויס אייער ערשטע אפּוינטמענט, וועט דער פּראָווייידער אייך ווארשיינליך פרעגן איבער אייער געזונטהייט צושטאנד (ווי צום ביישפיל אייערע יעצטיגע אדער פארגאנגענע מעדיצינישע פראבלעמען, אפּיויד באנוץ און אייער וואוינונג ארט) און מאכן א פיזישע אונטערזוכונג (אריינרעכענענדיג בלוט טעסטס) צו זיכער מאכן אז עס איז זיכער פאר אייך צו נעמען ביופּ.

צוזאמען וועלן איר און דער פּראָווײדער אויפקומען מיט א באהאנדלונג פלאן וואס רעכנט אריין דאס אוועקשטעלן ציהלן און טרעפן נאך סערוויסעס וואס איר וואלט מעגליך געוואלט באקומען.

ביים איבעררעדן ביופ באהאנדלונג מיט אייער פּראָווײדער, נעמט אין באטראכט צו פרעגן:

- וועל איך באקומען מיין ערשטע דאזע אינדערהיים אדער אין אייער אפיס?
- ווי אפט וועל איך דארפן מאכן יורין (מי רגליים) טעססטס אדער אנדערע דראג טעססטס?
    - וואס געשעהט אויב איך טעסט פאזיטיוו פאר אפּיוידס אדער אנדערע מאטעריאלן?
- ווי אפט וועל איך דארפן האבן נאכפאלגנדע אפּוינטמענטס?
- וואס געשעהט אויב איך פארפעהל אן אפּוינטמענט?
- וויאזוי קען איך זיך פארבינדן מיט אייך אויב איך האב פראגן, אויב איך דארף נאך פון די מעדיצין אדער אויב איך באקום זייטיגע ווירקונגען (סייד עפעקטס), באזונדערס ווען די אפיס איז פארמאכט?
- וואס זענען מיינע אפציעס אויב איך פארליר מיין מעדיצין אדער אויב איך לויף אויס פון מעדיצין פאר מיין קומענדיגע אפּוינטמענט?
- וויאזוי וועט מיין פריוואטקייט באשיצט ווערן?

# אייערע רעכטן בשעת'ן נעמען ביופּ

עס איז אומלעגאל צו דיסקרימינירן קעגן איינעם פארן נעמען מעדיצין פאר OUD, ארייננרעכענענדיג ביופּ. אין רוב פעלער, זענען מענטשן וואס נעמען מעדיצין פאר OUD באשיצט דורך דעם געזעץ פון דיסקרימינאציע. די באשיצונג מאסנאמען גייען ארויף אויף:

- **ארבעט**
  - רוב ארבעטסגעבער מוזן צושטעלן שכל'דיגע אקאמאדאציעס פאר ארבייטער וועלכע נעמען מעדיצין פאר OUD, ווי צום ביישפיל צו רוקן די ארבעט שעה'ן צו ערמעגליכן צו גיין צו אפּוינטמענטס.
  - רוב ארבעטסגעבער קענען נישט אויפזאגן אן ארבעטער אדער צוריקווייזן א דזשאב אפּפער פאר איינעם וואס נעמט מעדיצין פאר OUD.
- **האוזינג**
  - עס איז אומלעגאל צו צוריקווייזן צו ארויסדינגען אדער פארקויפן א הויז פאר איינעם וואס נעמט מעדיצין פאר OUD.
  - ערהוילונג אנשטאלטן וואס האבן פּאליסיס וואס מאכן דאס שווער פאר איינעם וואס נעמט מעדיצין פאר OUD צו וואוינען דארט מוזן צושטעלן שכל'דיגע אקאמאדאציעס, ווי אראנזשירן א פארזיכערטע פלאץ וואו צו האלטן די מעדיצין.
- **העלט קעיר פלעצער**
  - העלט קעיר פּראָווײדערס, ארייננרעכענענדיג לאנג-טערמיניגע קעיר אנשטאלטן, קענען נישט צוריקווייזן מעדיצינישע באהאנדלונג פאר איינעם וואס נעמט מעדיצין פאר OUD.
- **טשיילד וועלפעיר**
  - מענטשן קענען נישט פארלאנגט ווערן צו אויפהערן נעמען מעדיצין פאר OUD כדי צו קענען האלטן די קינדער ביי זיך, זיי צו קענען צוריקבאקומען אדער צו קענען באזוכן זייערע קינדער.

- **רעגירונג סערוויסעס**
  - רעגירונג אגענטורן קענען נישט צוריקווייזן סערוויסעס אדער בענעפיטן פאר איינעם וואס נעמט מעדיצין פאר OUD.
- **קרימינאלע לעגאלע סיסטעם**
  - מענטשן האבן די רעכט צו נעמען מעדיצין פאר OUD בשעת'ן זיין אויף פּראָובעישען אדער פּעראָול.

אויב איר נעמט ביופּ אדער אן אנדערע מעדיצין פאר OUD, און איר גלויבט אז איר גייט אריבער דיסקרימינאציע, פארבינדט זיך מיט די:

- **NYC קאמיסיע אויף מענטשן רעכטן:** רופט 212-416-0197 אדער באזוכט **nyc.gov/site/cchr/about/report-discrimination.page**.
- **Legal Action Center (לעגאלע שריט צענטער):** רופט 212-243-1313 אדער באזוכט **lac.org**.
- **ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון מענטשן רעכטן:** רופט 888-392-3644 אדער באזוכט **dhr.ny.gov/complaint**.

---

פאר מער אינפארמאציע איבער ביופּ פאר OUD, באזוכט **nyc.gov/health** און זוכט פאר **"bupe treatment"** (ביופּ באהאנדלונג).

פאר גייסטישע געזונטהייט אדער דראג באנוץ שטיצע רופט אדער טעקסט 988 אדער שיקט א מעסעדזש אויף **nyc.gov/988**. טעקסט און די אנליין מעסעדזש סערוויסעס זענען דא צו באקומען אין ענגליש און ספאניש, און קאונסעלארס זענען אוועילעבעל אויפן טעלעפאן 24/7 אין מער פון 200 שפראכן.

8.24 Yiddish